**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 2.6 מיליאן דאלאר אין קנסות קעגן אינשורענס פירמעס פארן נישט דעקן אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס ווי עס פארלאנגט זיך**

***ניו יארק גיבט ארויס 2.6 מיליאן דאלאר אין סך הכל פון קנסות פאר פינף אינשורענס פירמעס פארן פארלעצן סטעיט רעגולאציעס און געזעצן איבער מעדיקעיד ראטע באצאלונגען***

***'מענעדזשד קעיר' העלט אינשורענס פירמעס וואס זאגן זיך אומגעזעצליך אפ פון צאלן ברענגען אומנויטיגע שטרויכלונגען פאר ניו יארקער וועלכע ווענדן זיך פאר אויפפירונג געזונטהייט קעיר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 2.6 מיליאן דאלאר אין קנסות קעגן פינף מעדיקעיד 'מענעדזשד קעיר' העלט אינשורענס פירמעס נאכפאלגנדיג אן ארומנעמיגע אונטערזוכונג איבער וויאזוי זיי צאלן צוריק מענטשן פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס. ניו יארק סטעיט האט ארויסגעגעבן די קנסות נאכדעם וואס די פירמעס האבן איינמאל און נאכאמאל אומגעזעצליך צוריקגעוויזן קלעימס אדער נישט באצאלט פאר ספעציאליסטישע אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס אויף די ראטעס וואס זענען פארלאנגט דורך דעם געזעץ.

"אס טאר נישט זיין אז אפילו איין ניו יארקער זאל זיך דארפן אנשטויסן אין אומנויטיגע שטרויכלונגען צו באקומען גייסטישע געזונטהייט קעיר, באזונדערס אויב זייער אינשורענס פירמע ערפילט נישט זייער לעגאלע פליכט צו דעקן די וויכטיגע סערוויסעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו האלטן די אינשורענס פירמעס פאראנטווארטליך צו זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען צוקומען צו די קריטישע גייסטישע און אויפפירונג געזונטהייט קעיר וואס זיי דארפן."

די קנסות זענען געקומען אלס רעזולטאט פון די [העלט אינשורענס פירמע קאנצענטרירטע סורוועי רעזולטאטן פאר צוריקגעוויזענע אויפפירונג געזונטהייט קלעימס](), א באריכט וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health). די צוריקגעוויזענע קלעימס זענען געשעהן די מערסטע אפט פאר קעיר וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג' (Assertive Community Treatment); פערזענליך-צוגעפאסטע ערהוילונג-אריענטירטע סערוויסעס (Personalized Recovery Oriented Services); ארומנעמיגע פסיכיאטרישע עמערדזשענסי פראגראם (Comprehensive Psychiatric Emergency Program), טיילווייזע האספיטאליזאציע; און ערוואקסענע אויפפירונג געזונטהייט היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (Home and Community Based Services).

די באשטראפטע פירמעס רעכענען אריין:

- **Affinity Health Plan, Inc.**, וואס איז באשטראפט געווארן מיט **$349,500** פארן נישט משגיח זיין אויף די פארוואלטונג פליכטן וואס זיי האבן איבערגעגעבן פאר ווייטערע קערפערשאפטן צו טוהן און אזוי אויך פארן נישט צוריקצאלן פראָווײדערס אויף די פארלאנגטע ראטעס.
- **Amida Care, Inc.**, וואס איז באשטראפט געווארן מיט **$232,000** פארן זיך אומגעזעצליך אפזאגן פון באצאלן אויפפירונג געזונטהייט קלעימס און פארן נישט אויספאלגן פאדערונגען צו באצאלן צייטליכערהייט.
- **EmblemHealth**, וואס איז באשטראפט געווארן מיט **$422,000** פארן נישט פאררעכטן אומגעזעצליך-אפגעזאגטע קלעימס און פארן נישט באצאלן קלעימס אויף די פארלאנגטע מינימום ראטעס.
- **MetroPlus HealthPlan Inc.**, וואס איז באשטראפט געווארן מיט **$584,000** פארן נישט באצאלן קלעימס אויף די פארלאנגטע מינימום ראטעס און פארן נישט צוריקצאלן פראָווײדערס אויף די פארלאנגטע ראטעס.
- **MVP HealthPlan Inc.**, וואס איז באשטראפט געווארן מיט **1 מיליאן דאלאר** פארן נישט באצאלן קלעימס אויף די פארלאנגטע מינימום ראטעס און פארן נישט צוריקצאלן פראָווײדערס אויף די פארלאנגטע ראטעס.

די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט פאלגט נאך מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם צו זיכער מאכן אז זיי שטעלן צו אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס פאר זייערע מיטגלידער ווי עס דארף צו זיין. קאנצענטרירטע סורוועיס טרעפן אנגעלעגנהייטן וואס קענען פארלאנגען טיפערע אונטערזוכונגען צו זעהן איבער דער געזעץ ווערט אויסגעפאלגט און צו אונטערנעמען שריט צו פאררעכטן די פראבלעמען.

די אגענטור האט געארבעט בשותפות מיט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט צו אונטערנעמען די רעגולאטארישע שריט. די העלט דעפּארטמענט איז די קערפערשאפט מיט די לעגאלע אויטאריטעט צו גיבן קנסות און אינפארסירן געזעץ אויספאלגונג אין דעם מעדיקעיד פראגראם.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "מענעדזשד העלט קעיר פירמעס האבן א לעגאלע פליכט צו דעקן לעגיטימע קלעימס פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס און צו צוריקצאלן פאר די באהאנדלונג אויף די ראטעס פארלאנגט דורך דעם געזעץ. די פירמעס וואס זעצן פאר זיך צו נישט וויסנדיג מאכן פון די רעגולאציעס שטעלן א גרויסע שטרויכלונג אין וועג וואס טוט למעשה אנטמוטיגן ניו יארקער פון באקומען די גייסטישע געזונטהייט קעיר וואס זיי דארפן. ניו יארק סטעיט האט מעדיקעיד אינשורענס פירמעס פאראנטווארטליך, און די אינשורענס פירמעס וואס פאלגן נישט אויס דעם געזעץ וועלן באקומען באדייטנדע קנסות."

**העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט א סטראטעגיע אונטער די אנווייזונג פון גאווערנער האקול וואס האלט אינשורענס פירמעס פאראנטווארטליך פארן נישט דעקן אויפפירונג געזונטהייט באהאנדלונג ווי עס פארלאנגט זיך. די קנסות ווייזן ארויס א צוגאנג צווישן עטליכע אגענטורן צוזאמען זיך צו שטארקן איבער די שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פאר ניו יארקער ביים באקומען די גייסטישע געזונטהייט קעיר סערוויסעס וואס זיי דארפן."

אונטער גאווערנער האקול'ס היסטארישע פלאן צו פארבעסערן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם, האט די סטעיט אונטערגענומען עטליכע מאסנאמען צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען געדעקט דורך זייער אינשורענס ווען זיי באקומען קריטישע גייסטישע געזונטהייט קעיר. געזעצן וואס זענען אריבערגעפירט געווארן אלס טייל פון די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 פארבאטן

קאמערציעלע אינשורענס פירמעס פון זיך אפזאגן פון דעקן מעדיציניש-נויטיגע אינפעישענט סערוויסעס, אריינרעכנענדיג לעבנ'ס ראטעווענדע קעיר קאארדינאציע סערוויסעס.

קאמערציעלע פירמעס זענען אויך יעצט אויפגעפאדערט צו אננעמען געוויסע סטאנדארטן ווען עס קומט צו זיכער מאכן אז עס זענען דא אפּוינטמענט און געאגראפיש-צוגענגליכע לאקאציעס צו באקומען אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס, און אזוי אויך זענען זיי פארלאנגט צו דעקן אלע סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס. אין צוגאב האט גאווערנער האקול פארזיכערט א געזעץ וואס פאדערט אויף פראָוויידערס צו באצאלן צום וויניגסטנס די צוריקצאלונג ראטע וואס מעדיקעיד גיבט — פאר קעיר וואס ווערט צוגעשטעלט ביי די קליניקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418